# פרשת שופטים ל' אב - ו' אלול תשפ"א לפ"ק

***יום ראשון פרשת שופטים***

בשעות אחר הצהרים ביקר **רבינו שליט"א** במחנינו עדת יראים בפארקסוויל. ילדי המחנה קיבלו את פני **רבינו שליט"א** בשירה ובזמרה, ונכנסו לבית המדרש למסיבת קבלת פנים. המנהל הרב **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט"א קידם בדברים את פני **רבינו שליט"א**. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לתלמידי המחנה. עם סיום הדברות קודש עברו מאות ילדי ובחורי המחנה לפני **רבינו שליט"א** לברכת שלום.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז ביי מיר א גרויסע שמחה אנטייל צונעמען דא היינט ביי די מסיבה. מען הערט אין משך פונעם זומער די גוטע גריסן, וואס די חשובע בחורים געבן אוועק דעם גאנצן טאג פאר תורה, די חשובע קינדער ווערן ערצויגען דא צו תורה, עבודה, יראת שמים, מידות טובות. דער אייבערשטער זאל העלפן אי"ה ווייטער אויך, מען זאל קענען ממשיך זיין צו גיין בדרכי התורה.

**איך** וויל זאגן א ווארט אין די פרשה פון פאריגע וואך, אין אנהייב (דברים יא-לא), כי אתם עוברים את הירדן לבוא לרשת את הארץ אשר ה' אלקיכם נותן לכם, ווען עטץ גייטס אריבער דעם ירדן צו ירש'נען ארץ ישראל, וירשתם אותה וישבתם בה. זאגט רש"י, פארוואס דארף ער צוגעבן, אז מען גייט אריבער דעם ירדן, עס איז גענוג ווען דער פסוק זאגט, אז מען גייט ירש'נען ארץ ישראל. פארוואס האט די תורה געדארפט ארויסשרייבן דעם וועג אז מען דארף אריבערגיין דעם ירדן? זאגט רש"י, נסים של ירדן יהיו סימן בידיכם, די נסים וואס עטץ וועטס זעהן ביים ירדן, דאס וועט זיין א סימן אין ענקערע הענט, שתבואו ותירשו את הארץ, אז עטץ וועטס קומען ירשנ'ען דאס לאנד. ווען מען איז אריין קיין ארץ ישראל, זענען געווען דארט גרויסע פעלקער, און עס איז געווען שלא כדרך הטבע, אז מען זאל דאס קענען איינעמען, און מען וועט זיין דערשראקן ווי אזוי מען קען איינעמען דאס לאנד. ווען מען וועט אריבערגיין דעם ירדן, און מען וועט זעהן די נסים וואס דער אייבערשטער וועט מאכען ביים ירדן, וועט עטץ האבן א סימן אז דער אייבערשטער פירט זיך מיט ענק מיט נסים, און עס וועט ענק בארוהיגן אז מען וועט אריינקומען און ירש'נען ארץ ישראל.

**און** עס שטעלט זיך א דיוק. מען דארף יעצט ווייזן פאר יודען נייע נסים ביים ירדן, אז מען קען אריינגיין קיין ארץ ישראל? עס איז נישט גענוג די נסים פון יציאת מצרים, וואס דער דור האט מיטגעהאלטן? מען איז ארויס פון מצרים, און דער אייבערשטער האט געשפאלטן דעם ים סוף, דאס איז נישט גענוג? זיי זענען געווען פערציג יאר אין מדבר, עס פאלט עסן פון הימל, לחם מן השמים, און דער באשעפער פירט זיך מיט זיי חוץ לדרך הטבע, מקום נחש שרף ועקרב וצמאון אשר אין מים, און מען האלט זיך אזוי אויף פערציג יאר, דאס איז נישט גענוג? מען דארף האבן נאך א סימן, אז דער ירדן, דער קליינער וואסער פונעם ירדן, וועט זיך שפאלטן, מען זאל קענען אדורכגיין. וואס האט אויסגעפעלט די נסים פונעם ירדן, כדי צו געבן א סימן פאר יודען ווען זיי גייען אריין קיין ארץ ישראל.

**איך** האב געטראכט א נקודה, רש"י איז נישט מסביר וואס עס זענען געווען די נסים וואס עס איז געווען ביים ירדן. יעדער ווייסט, אז אזוי ווי עס איז געווען קריעת ים סוף, אזוי האט זיך דער ירדן אויך געשפאלטן. בשעת יודען זענען אריין אויף ארץ ישראל, און מען האט געדארפט אדורכגיין דעם וואסער פונעם ירדן, האט זיך דער ירדן געשפאלטן, און יודען זענען אדורכגעגאנגען אינעם וואסער ביבשה, אינעם טריקעניש, און אזוי איז מען אריין קיין ארץ ישראל.

**דאס** איז דער קליינער נס וואס איז געווען דארט. ווען מען קוקט נאך אין נ"ך (יהושע ד), זעהט מען, ווי אזוי דער נס האט פאסירט. די כהנים זענען קודם געקומען מיטן ארון ה', און זיי האבן אריינגעטרעטן איין טריט אינעווייניג אינעם וואסער פונעם ירדן. ווען מען האט אריינגעטרעטן אינעם וואסער, האט זיך דער וואסער געשפאלטן. ווען דער וואסער האט זיך געשפאלטן, איז גאנץ כלל ישראל, ששים ריבוא יודען, אדורכגעגאנגען דעם ירדן, און זיי האבן זיך געפונען יעצט אויף די אנדערע זייט פונעם וואסער. נאכדעם זענען די כהנים צוריק געטרעטן איין טריט

ארויס פונעם וואסער, און זיי זענען געשטאנען אינדרויסן, און דעמאלטס איז דער וואסער צוריקגעקומען אויפן פלאץ, און עס איז געגאנגען פליסן אזוי ווי פאר דעם. כלל ישראל איז געווען אויף איין זייט, און די כהנים מיטן ארון ה' זענען געווען אויף די אנדערע זייט, זיי זענען געווען אפגעטיילט איינער פונעם צווייטן. דער וואסער איז שוין צוריקגעגאנגען, און מען קען נישט אדורכגיין דעם וואסער. איז געשעהן א נס, אז דער ארון וואס זיי האבן געטראגן, האט זיך אויפגעהויבן פון זיך אליין, און עס האט מיטגענומען מיט זיך די אלע מענטשן וואס האבן געטראגן דעם ארון, און זיי זענען אריבערגעגאנגען אין די לופט איבערן וואסער, אויף די אנדערע זייט פונעם וואסער. א נס בתוך נס. קודם האט זיך דער ים געשפאלטן, און יודען זענען אדורכגעגאנגען, נאכדעם איז געשעהן נאך א נס, אז דער ארון ה' מיט די כהנים, זענען אריבערגעגאנגען העכערן וואסער. ארון נושא את נושאיו, דער ארון האט זיך געטראגן, און עס האט געטראגן די איבריגע. - אז דער וואסער איז שוין געווען געשפאלטן, האט דאך שוין יעדער געקענט אדורכגיין. פארוואס האט דער אייבערשטער געמאכט אז די וואסער זאל צוריקגיין, און דער ארון מיט די כהנים זענען געווען אפגעטיילט, און שפעטער האט דער ארון זיי אריבער געטראגן בדרך נס אויף די אנדערע זייט.

**עס** ליגט דערין א מוסר השכל. יודען האבן געלעבט פערציג יאר אינעם מדבר, און זיי גייען יעצט אריין קיין ארץ ישראל. דאס לעבן אינעם מדבר איז געווען זייער א הייליג לעבן. מען האט נישט געגעסן קיין גשמיות'דיגע מאכלים, מען האט געגעסן לחם שמלאכי השרת אוכלים, ברויט פון מלאכים. מען האט זיך נישט געדארפט פלאגן אויף פרנסה, דער מן איז געפאלן יעדן צופרי ביי יעדן שטוב, וויפיל ער האט געדארפט צו האבן. רש"י ברענגט צו די פאריגע וואך (דברים ח-ד), אז די קליידער וואס מען האט געהאט, האט מען קיינמאל נישט געדארפט וואשן, דער ענן האט געביגלט די קליידער. מען האט אנגעטון א קינד ווען ער איז געבוירן געווארן, און דאס קליינע קלייד איז מיטגעוואקסן מיט דאס קינד צוזאמען. מען האט נישט געדארפט אוועקגעבן פאר עניני עולם הזה קיין איין מינוט, אלעס האט געקענט זיין הייליג פארן אייבערשטען.

מען האט נישט געוואוינט צווישן גוים, מען האט נישט געזעהן פאר זיך קיין גוי א גאנץ יאר, פערציג יאר. מען האט נישט געזעהן ווי אזוי דער גוי פירט זיך אויף, גוי'אישע זאכן איז נישט אריינגעקומען אין יודישע שטובער, זיי זענען געווען הייליג בתכלית הקדושה. אז עס שטייט אין **זוהר הק'** (ח"א כב.) אז אזא דור וואס איז געווען אין מדבר, וועט נישט זיין ביז משיח וועט קומען.

**מען** קומט יעצט אריין קיין ארץ ישראל, די אלע זאכן גייען זיך אויפהערן, מען גייט אנהייבן צו לעבן א גשמיות'דיגן לעבן. מען גייט אנהייבן איינצוזייען תבואה, און מען דארף זיך פלאגן אויף עבודת חרישה וזריעה. מען דארף אויפשטעלן הייזער וואו צו וואוינען, מען דארף האבן קליידער, מען דארף וואוינען צווישן גוים, עס איז טאקע לא תחיה כל נשמה, אבער עס איז פארט געווען געוויסע אומות העולם וואס זענען געבליבן, און מען דארף מיט זיי וואוינען. עס הייבט זיך אן נסיונות העכער פון וואס מען איז געווען צוגעוואוינט, און מען דארף זיך פירן ערליך. פון וואו וועלן מיר האבן דעם כח, אונז זאל מיר זיך קענען פירן ערליך ווען מען גייט אריין אויף ארץ ישראל? דאס האט געאהרט פאר יודען, דאס האט זיי ווי געטון, ווי אזוי זיי וועלן קענען דאס אדורכקומען.

**האט** דער אייבערשטער געוויזן, אז דער כח התורה איז זייער גרויס. דער כח התורה, דער ארון וואס דארט איז געלעגן די תורה, די לוחות הברית, די לוחות קענען מאכן א וועג חוץ לדרך הטבע! ווען א יוד גיט זיך אוועק פאר תורה, ער וויל מקבל זיין אויף זיך עול תורה, איז נישט דא קיין שום זאך וואס וועט אים שטערן. ארון נושא את נושאיו, נישט אונז טראג מיר די תורה, די תורה טראגט אונז! די תורה טראגט אונז חוץ לדרך הטבע! וואס מיט די אייגענע אויגן קען מען נישט זעהן. האט דער אייבערשטער געוויזן א נס, די וואסער זאל צוריקגיין, מען קען שוין נישט אדורכגיין דעם ים, דער ירדן איז פול מיט וואסער, און דער ארון וועט זיך אליין אויפהייבן, א דומם וועט זיך אויפהייבן, און עס וועט אריבערגיין דעם ים. און דער ארון וועט נישט אריבערגיין אליין, נאר ארון נושא את נושאיו, ווער עס לייגט צו א האנט צו דעם ארון, וועט מיטגיין צוזאמען מיטן ארון.

**דאס** האט געגעבן א געוואלדיגן חיזוק פאר יודען! אונז גיי מיר אריין אויף ארץ ישראל, אונז וועל מיר טאקע זיין פארנומען מיט גשמיות, מען וועט זיין פארנומען מיט נסיונות וואס מיר האבן נישט געהאט ביז יעצט. מען זאל שטענדיג געדענקען, אז דער ארון איז נושא את נושאיו, ווען א מענטש איז זיך מדבק צו תורה, די תורה גיט זיך אן עצה, די תורה דארף נישט האבן אונזערע וועגן ווי אזוי צו קענען אדורכגיין, און עס נעמט מיט זיך יעדען איינעם וואס איז דבוק אין תורה.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט, כי אתם עוברים את הירדן לבוא לרשת את הארץ, נסים של ירדן יהיו סימן בידכם, ווען עטץ וועטס דארפן האבן א סימן, אז מען וועט זיך קענען האלטן ערליך אין ארץ ישראל, זאלט עטץ וויסן, אז דער ירדן וועט זיין דער סימן דערויף. מען מיינט נישט דאס וואס דער ירדן האט זיך געשפאלטן און מען קען אדורכגיין, נאר דער צווייטער נס, אז די וואסער איז צוריקגעגאנגען, און דער ארון איז נושא את נושאיו, דאס איז געווען א סימבאל פאר יודען, אז ווען מען קומט אריין אויף ארץ ישראל, ווער עס וועט זיך מדבק זיין צו דעם ארון, וועט האבן א מהלך פון חוץ לדרך הטבע, ווי אזוי דער אייבערשטער וועט אים העלפן.

**כלפי** מה דברים אמורים, איך מיין ווען מען איז אין קעמפ אינדרויסן, איז מען אפגעזונדערט אזוי ווי מען איז געווען אין מדבר. מען שטעלט צו עסן, קליידונג, וואס מען דארף, אלעס איז צוגעשטעלט. מען דארף נישט אוועקגעבן קיין צייט פאר עניני גשמיים, מען קען אויסנוצן די צייט פון צופרי ביז ביינאכט. מען וואוינט אין א הייליגן מקום, עס איז נישט דא קיין גוים, מען דרייט זיך נישט צווישן גוים, מען האט גארנישט צו טון מיט די גוי'אישע וועלט, מען קען דינען דעם אייבערשטען פון צופרי ביז ביינאכט.

**מען** האלט ביים ענדיגן דעם זומער, מען גייט צוריק אריין אין די שטאט. מען גייט אריין אין א פלאץ ווי עס הייבן זיך אן די נסיונות. מיר גייען וואוינען צוזאמען מיט גוים, מען גייט זעהן ווי אזוי דער גוי פירט זיך, וואס עס לאזט זיך גארנישט זאגן ווי נידריג זיי זענען. און עס הייבט זיך אן די נסיונות, אז מען זאל זיך קענען האלטן ערליך. דארף מען געדענקען ארון נושא את נושאיו, ווער עס וועט זיך מדבק זיין צו תורה, דער ארון האט א מהלך וואס איז חוץ לדרך הטבע. אפילו מען פארשטייט נישט ווי אזוי עס קען זיך האלטן, דער ארון קען גיין. און דער ארון גייט נישט אליין, עס איז נושא את נושאיו, די אלע וואס טוען זיך צושטעלן דערצו טוט עס אויפהייבן. דאס איז די אמונה וואס עס האט אונז געלערנט, אז אין וואס פאר א אומשטענדן מען איז, וואס פאר א נסיונות מען האט, דארף מען שטענדיג געדענקען, ארון נושא את נושאיו, אז די תורה טוט צוהעלפן דעם וואס איז זיך מדבק אין די תורה.

**די** וועלט זאגט, ארון נושא את נושאיו. עס איז דא די תורה, דער ארון, דאס זענען די תלמידי חכמים וואס לערנען. און עס איז דא די מחזיקי התורה, ווער עס טראגט די תורה, די וואס געבן געלט, און זיי טוען אויסהאלטן די תורה. מען מיינט אסאך מאל, אז ער האלט אויס די תורה, ער גיט אוועק געלט פאר תורה, אבער דער אמת איז, אז די הצלחה וואס דו האסט, קומט פון די תורה. דער ארון, דאס איז נושא את נושאיו, דאס טוט אויפהייבן די אלע וואס מיינען אז זיי זענען די נושאי הארון, זיי טראגן דעם ארון. נישט דו טראגסט דעם ארון, דער ארון הייבט דיך אויף, און דער ארון טראגט דיך.

**ב"ה** דעם זומער האט מען זוכה געווען צו אזא שיינע מקוה, וואס האט מען האט צוגעשטעלט פאר די בחורים, אז עס איז נישט דא קיין נסיון פון זיך מקדש ומטהר זיין, עס איז אזוי שיין אהערגעשטעלט געווארן. און אסאך יודען האבן אוועקגעגעבן געלט, ביז עס איז אויפגעשטעלט געווארן אזא שיינע מקוה לשם ולתפארת. ארון נושא את נושאיו, די תורה הק' באצאלט פאר די אלע וואס האבן געהאט א חלק דערין. רבי משה [לעווינשטיין] זאל זיין געזונט, האט אזויפיל צייט אוועקגעגעבן ביז מען האט דאס געזעהן אויפן פלאץ. עס איז נושא את נושאיו, דער אייבערשטער וועט העלפן, אז אין דעם זכות וועט עס נושא זיין די אלע וואס האבן דאס געטראגן.

**די** זעלבע איז אין קעמפ, די אלע וואס האבן א שייכות און האבן צוגעהאלפן. א טייל העלפן צו אין דעם רוחניות פונעם קעמפ, אויפצוהייבן די בחורים, זיי זאלן זיין ערליך, די שבתים, דאס דאווענען זאל זיין מיט א חיות און מיט א ברען. עס איז דא וואס העלפן צו גשמיות, צוצושטעלן אז עס זאל גארנישט

פעלן. אלע טוען צו העלפן פארן ארון, וואס ארון נושא את נושאיו. דער אייבערשטער זאל געבן ווייטער אויך, מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי קדושה מיט נחת און הרחבת הדעת.

**מען** פארט אהיים. מען האט געהאט דא אינעם קעמפ שיינע שבתים, שבתים וואס איז געווען קודש, די סעודות זענען געווען הייליגע סעודות, מען האט געזינגען זמירות, מען האט געהערט דברי תורה, און אזוי ווייטער. מען דארף עס אהיים טראגן, אינדערהיים דארף מען זיך אויך אזוי פירן. יעדעס קינד ביי זיך אין שטוב דארף וויסן, ער דארף זאגן א דבר תורה שבת אין שטוב, זינגען זמירות, עס איז נישט קיין נפקא מינה ווי אזוי די שטוב פירט זיך, ער דארף זיין דער וואס פירט די שטוב, ארייגברענגען א ווארעמקייט אין די שבתים אינדערהיים.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן אי"ה, מען זאל קענען דאווענען אין די שטאט אזוי ווי מען האט געדאווענט דא, דאווענען צוזאמען, און דאווענען הויך און אזוי ווייטער. צו מען באקומט דערפאר א מתנה צו נישט, עס איז נישט נוגע, אפילו מען וועט נישט באקומען די אלע מתנות וואס מען גיט דא, די גרעסטע מתנה וואס מען קען זוכה זיין איז, צו דינען דעם אייבערשטען. מען האלט ראש חודש אלול, עס איז א חודש פון תשובה, וואס יעדער יוד איז זיך מתבונן אינעם גאנצען יאר וואס איז אדורכגעגאנגען, און ער איז מקבל אויף זיך פון ניי צו דינען דעם אייבערשטען. מען גייט אריין נאכדעם אין א ניי יאר, זאלן מיר אלע האבן א גוט געבענטשט יאר, א שנה טובה ומתוקה.

**איך** וויל עקסטער באדאנקען פאר ר' שמואל דוד וואס לייגט אריין אזויפיל כוחות אין יעדע פלאץ וואס האט צו טון מיט אונזערע מוסדות, וואס עס איז חוץ לדרך הטבע. אן קיין חשבונות, שפרינגט ער אריין אין זאכן. און דער אייבערשטער העלפט אים אייביג, אז עס איז ארון נושא את נושאיו, אז מען קומט אן ביז ווי מען האט געוואלט. דער באשעפער זאל געבן פאר אונז אלע, מיר זאלן האבן א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר, א פריילך יאר, און א לוסטיג יאר, און מען זאל זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צוגיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר המעמד עבר **רבינו שליט"א** למקוה החדשה שנבנה במחנינו לשם ולתפארת, וסייר בבנין המקוה, והתבונן בסדר המשכת המי גשמים לבור המקוה.

*

***יום שני פרשת שופטים***

אחר תפלת מנחה הסיב **רבינו שליט"א** לסעודת סיום מסכת חגיגה שנלמדה בישיבתנו הק' במסגרת חבורת '**ובהם נהגה**', שהתקיים בבית המדרש של הישיבה גדולה. הבחור **הערשל** (ב"ר לייב) **ראזענבערג** נ"ו נתכבד לסיים מסכת חגיגה. אחר הסיום אמר **רבינו שליט"א** קדיש דרבנן, ויצא בריקוד לכבוד השמחה. הבחור **שלמה** (ב"ר עקיבא) **פישער** נ"ו נתכבד להתחיל מסכת הוריות. אחר שנשמעו דברי תורה מאת הבחור **יצחק יואל** (ב"ר אברהם נחמיה) **כ"ץ** נ"ו, ומאת הרב **אשר מאיר סעקולא** שליט"א (ר"מ בישיבה גדולה) השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו. בברכת המזון נתכבד המנהל הרב **אלימלך שפיטצער** שליט"א.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** זיצט ביי א סעודת סיום מיט די חשובע בחורים וואס האבן מסיים געווען מסכת חגיגה, ביי א טייל איז עס א סיום אויף גאנץ סדר מועד, וואס מען האט געענדיגט מיט די חבורה פון 'ובהם נהגה'. עס ליגט א געוואלדיגע עמלות התורה ביז מען קומט צו דערצו. מען האט פריער ארויסגעברענגט די חשיבות דערפון, אנו עמלים והם עמלים, אנו עמלים ומקבלים שכר.

**איך** האב געטראכט א נקודה, אינעם סיום פון די מסכתא וואס מען האט געלערנט, א שטיקל גמרא אין דעם לעצטן בלאט. די גמרא (חגיגה כו:) זאגט, אז אינעם בית המקדש האט מען נאך יום טוב מעביר געווען על טהרת העזרה, מען האט געדארפט טובל'ן אלע כלים. עס זענען אריינגעקומען אין בית המקדש עמי הארצים, וואס זיי אליין, און זייערע בגדים, זענען געווען טמא. נאר יום טוב האבן זיי געהאט דעם דין ווי חברים, אבער נאך יום טוב האט מען אלעס געדארפט מטהר זיין. און מען האט אויסגערופן הזהרו שלא תגעו בשלחן, מען זאל נישט צורירן צו דעם שלחן, ווייל דער שלחן וועט זיין א פראבלעם אויב עס וועט ווערן טמא, ווייל מען וועט עס נישט קענען מטהר זיין, ווייל עס שטייט (שמות כה-ל) לחם פנים לפני 'תמיד', דער שלחן מיטן לחם הפנים האבן אייביג געדארפט זיין אויפן פלאץ.

**אויף** די מנורה איז דא צוויי דיעות אין די גמרא, צו מען האט אויך אויסגערופן הזהרו שלא תגעו במנורה, צו עס איז אויך דא א ענין פון תמיד, אז די מנורה דארף זיין שטענדיג אויפן פלאץ. איין מאן דאמר האלט, מנורה לא כתיב בה תמיד, עס שטייט נישט קיין תמיד. דער אנדערער מאן דאמר האלט, כיון דכתיב (שמות כו-לה) ואת המנורה נוכח השלחן, כמאן דכתיב ביה תמיד, אזוי ווי די מצוה איז געווען אז די מנורה זאל זיין אקעגן דעם שלחן, אז דער שלחן איז תמיד, דארף די מנורה אויך זיין תמיד. דער אנדערער מאן דאמר זאגט, ההוא לקבוע לה מקום הוא דאתא, נישט אז עס האט די זעלבע הלכות, נאר די קביעת מקום וואו מען דארף אראפשטעלן די מנורה, איז געווען אקעגן איבער דער שולחן. הרוצה להחכים ידרים, ולהעשיר יצפין, וסימנך, מנורה בדרום ושלחן בצפון (בבא בתרא כה:), אין בית המקדש איז געשטאנען דער שלחן אקעגן איבער די מנורה. - אוודאי ליגן אין דעם הויכע ענינים, אבער פון יעדע זאך איז דא עפעס א נקודה וואס מען דארף זיך אראפלערנען דערפון אין עבודת ה'. וואס איז געווען דער ענין, אז דער שלחן מיט די מנורה דארפן זיין איינס אקעגן דאס אנדערע.

**נאכדעם** פרעגט די גמרא, אפילו די שלחן ווערט יא טמא ווערן, פארוואס האט מען עס געדארפט מטהר זיין, כלי עץ העשוי לנחת הוא, א כלי עץ וואס איז געמאכט געווארן אז עס זאל שטיין אויף איין פלאץ, איז נישט מקבל קיין טומאה, איז דער שלחן נישט געווארן טמא. זאגט די גמרא, עס האט יא מקבל טומאה געווען, ווייל עס שטייט אין פסוק (ויקרא כד-ו) על השלחן הטהור, מכלל שהוא טמא, איז א סימן אז עס קען זיין טמא. איי וועסטו פרעגן עס איז דאך א כלי עץ העשוי לנחת, ניין, די שלחן איז נישט אייביג געווען אויפן פלאץ. מלמד שמגביהין אותו ומראין בו לעולי רגלים לחם הפנים, יעדן יום טוב האט מען געוויזן דעם לחם הפנים פאר די אלע וואס זענען געקומען אין בית המקדש עולה רגל זיין. און מען האט זיי געזאגט, ראו חיבתכם לפני המקום, קוקט ענקער ליבשאפט פארן אייבערשטען, סילוקו כסידורו, בשעת מען נעמט אראפ די לחם הפנים סוף וואך, איז עס אזוי פריש אזוי ווי ווען מען לייגט עס ארויף. און ער ברענגט א פסוק דערויף (שמואל א כא-ז), לשום לחם חום ביום הלקחו, ווען מען האט עס אראפגענומען איז עס געווען לחם חום. ווען מען האט עס ארויפגעלייגט זענען די חלות געווען ווארעמערהייט אויפן שלחן, און אזוי ווארעם איז עס געווען ווען מען האט עס אראפגענומען. די מפרשים שרייבן שוין, אז כאטש מען האט נישט געקענט זעהן דעם לחם נאר פון דערווייטנס, אבער עס איז געקומען א פארע פונעם לחם, אזוי ווי ווען מען האט עס יעצט ארויפגעלייגט. - ממילא איז עס נישט קיין כלי עשוי לנחת, ווייל מען האט עס אויפגעהויבן.

**וואס** איז דער ענין פון ראו חיבתכם לפני המקום? וואס ליגט אין דעם חיבה, אז די ברויט איז פריש. עס איז טאקע געווען א גרויסער נס, אז זיבן טעג זאל די ברויט זיין פריש, און עס זאל קומען דערפון א פארע, אבער אין בית המקדש איז געווען עשרה נסים, די גאנצע הנהגה אין בית המקדש איז געווען מיט נסים. וואס איז די נקודה וואס מען האט ארויסגעהויבן, אז יעדער זאל זעהן די חיבה וואס איז דא אין דעם. איז דאך דער טייטש, אז עס ליגט אין דעם עפעס א ענין וואס אלע עולי רגלים האבן עס געדארפט באמערקן, און וויסן דעם ראו חיבתכם לפני המקום.

**עס** קען אפשר זיין, מען רעדט דאך שוין צווישן גרעסערע בחורים, וואס שטייען שוין באלד אין שידוכים. מען זעהט אז א בחור וואס לערנט פלייסיג, ער וואקסט אויס א תלמיד חכם, א ירא שמים, ערליך, ווען עס קומט צו שידוכים, טראגט מען אים אן רייכערע שידוכים, מיט געלט וכדומה, ער זאל קענען זיצן און לערנען שפעטער, מען לאזט זיך קאסטן פאר אזא בחור. פאר א בחור וואס איז נאר א בינוני בחור, לאזט מען זיך נישט אזויפיל קאסטן וויפיל מען לאזט זיך קאסטן פאר א בחור א תלמיד חכם. פשוט וואלט מען געזאגט, אז דער טעם דערפון איז, ווייל אזוי ווי ראיתי בני עליה והם מועטין, עס איז דא ווייניג, און יעדע זאך וואס איז דא ווייניג האט א טייערן פרייז. אזוי ווי אין גשמיות, אז מען וויל קויפן א זאך, ווענדט זיך עס וויפיל עס איז דא. איז דא אסאך אויפן מארקעט איז עס ביליגער, אז עס איז דא ווייניג, איז עס טייערער. חשובע בחורים איז נישט דא קיין סאך, עס איז דא ווייניג, ממילא באצאלט מען דערפאר מער.

**איך** וואלט געטראכט אז עס האט נאך א טיפערן טעם דערין. עס שטייט אין **ישמח משה** (פ' בשלח), די

משנה (אבות ג-ו) זאגט, כל המקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ. ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך עול תורה, נעמט מען אוועק פון אים עול מלכות ועול דרך ארץ, ער האט נישט קיין עול פונעם מלכות, און ער האט נישט קיין עול פון פרנסה. דער אייבערשטער איז אים מזמין, ווייל ער האט גענומען אויף זיך עול תורה, האט ער נישט קיין אנדערן עול אויף זיך.

**זאגט** דער ישמח משה, יעדער מענטש דארף זיך פלאגן אויף פרנסה, עס קומט נישט אן גרינג. ווען אדם הראשון האט געזינדיגט, איז נגזר געווארן בזעת אפיך תאכל לחם (בראשית ג-יט), מען קען נישט באקומען קיין פרנסה נאר בזעת אפיך. אז דו פלאגסט זיך, וועסטו האבן צו עסן. אז דו וועסט זיך נישט פלאגן, וועסטו נישט האבן. זאגט דער ישמח משה, לחם האט נאך א טייטש, די תורה ווערט אויך אנגערופן לחם, לכו לחמו בלחמי (משלי ט-ה). אין די קללה פון בזעת אפיך תאכל לחם האט מען נישט געזאגט פון וואס פארא לחם מען רעדט. זאגט דער ישמח משה, ווען א יוד קלויבט זיך אויס, אז ער גייט אוועקגעבן זיין פלאג אין לעבן פאר תורה, איז ער מקיים מיט דעם בזעת אפיך תאכל לחם. יעדע בלאט גמרא וואס ער לערנט און עס קומט אים אן שווער, און ער דארף זיך פלאגן ביז ער פארשטייט עס, און ער דארף עס גוט פארשטיין, און איינחזר'ן צו געדענקען אויף שפעטער, דאס איז אויך א זעת אפים. און אזוי ווי ער איז יוצא זיין זעת אפיך, מיט דעם וואס ער פלאגט זיך אויף תורה, איז ווען עס קומט צו פרנסה, דארף ער נישט האבן קיין בזעת אפיך תאכל לחם. ער האט יוצא געווען די קללה פון בזעת אפיך, מיטן לימוד התורה. כל המקבל עליו עול תורה, ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך עול תורה, און די עול תורה קומט דאך נישט אן גרינג, עס קומט דאך מיט אסאך עמל און פלאג ביז מען קומט צו, צו תורה, האט ער מיט דעם פארשפארט, אז מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ, אלע אנדערע זאכן וואס ער דארף זיך פלאגן דערפאר, נעמט מען פון אים צו.

**דאס** וואס בחורים פלאגן זיך אין די יונגע יארן אויף תורה, דאס איז נישט נאר די פלאג פון תורה וואס ער האט יעצט, וואס אנו עמלים ומקבלים שכר. נאר שפעטער אין לעבן, ווען מען גייט ארויס פון ישיבה, און מען דארף זיך פלאגן אויף די פרנסה, טוט דער אייבערשטער אפמעסטן, דער מענטש האט שוין אוועקגעגעבן אזויפיל פלאג פאר תורה. וויפיל פלאג ער האט אוועקגעגעבן פאר תורה, אזויפיל פלאג ווערט אראפגערעכנט פון אים אז ער דארף זיך נישט פלאגן אויף זיין פרנסה, און די פרנסה וועט אים אנקומען גרינג. וואס אנדערע דארפן זיך פלאגן דערויף א טאג, וועט ער פארדינען אין א שעה. וואס א אנדערער דארף טון אין א חודש, וועט ער עס האבן אין א וואך. ווייל ווען א יוד איז מקבל אויף זיך עול תורה, טוט מען מעביר זיין פון אים עול דרך ארץ.

**ממילא** א בחור וואס האט זיך געפלאגט אויף לערנען, האט ער דאך מקבל געווען אויף זיך עול תורה, איז מען אים מזמין אז די אנדערע גשמיות'דיגע זאכן באקומט ער גרינגערהייט. ווייל אז ער האט מקבל אויף זיך עול תורה, האט ער שוין מקיים געווען דעם בזעת אפיך תאכל לחם מיט זיין פלאג אויף תורה, איז די איבריגע לחם וואס ער דארף צו האבן, דאס קומט אים אן גרינגער. - דער זיווג פון א מענטש ווערט אויך אנגערופן לחם, כי אם הלחם אשר הוא אוכל (בראשית לט-ו), און דאס קומט אויך אסאך מאל אן בזעת אפיך. אבער אז מען איז מקיים בזעת אפיך תאכל לחם, דו געבסט דיך אוועק פאר תורה, איז אלע אנדערע לחם'ס וואס א מענטש דארף זיך פלאגן דערפאר, גייט אים גרינגער.

*

**דער** שלחן איז געווען לחם פנים לפני תמיד, עס איז געווען שטענדיג לחם אויפן שלחן, מען האט נישט געטארט אוועק נעמען דעם לחם פון דארט, ווייל אלע השפעות פון הימל איז אראפגעקומען דורכן בית המקדש, און פון דארט איז צושפרייט געווארן די השפעה. פרנסה, לחם, איז געקומען פונעם שלחן, הרוצה להעשיר יצפין, וסימנך שלחן בצפון. דער שלחן דאס ברענגט פרנסה. און אזוי ווי דער אייבערשטער גיט פרנסה תמיד, ער גיט פרנסה שטענדיג, פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון, האט שטענדיג געדארפט זיין אין בית המקדש לחם אויפן שלחן, ווייל דאס הערט זיך קיינמאל נישט אויף. די השפעה פון פרנסה, איז א שטענדיגע השפעה.

**עס** איז אבער געווען א נס אין בית המקדש, אז דער לחם איז געווען לחם חום ביום הלקחו, די בעסטע

לחם וואס מען קען עסן, פריש ארויס פונעם אויוועו, איז געוועו דער לחם. ווייל דער אייבערשטער וויל, אז די השפעה פון פרנסה זאל אנקומען גרינג פאר כלל ישראל. האט דער אייבערשטער געמאכט א נס, אז דעם לחם וואס מען האט ארויפגעלייגט אויפן שלחן, זאל זיין א באַטעמ'טע לחם. מען קען אויך עסן טריקן ברויט, און מען קען לעבן דערפון, אבער דער באשעפער האט נישט געוואלט עס זאל זיין טריקן ברויט אויפן שלחן, נאר עס זאל זיין לחם חום ביום הלקחו, עס זאל זיין א פרישער לחם, אז מען זאל הנאה האבן דערפון, כדי עס זאל גרינג אנקומען דעם לחם פונעם מענטש. האט מען אויפגעהויבן דעם שלחן פאר די עולי רגלים, און מען האט זיי געזאגט, ראו חיבתכם לפני המקום, קוקסט די חיבה, דער אייבערשטער גיט ענק פרנסה, ער גיט ענק נישט פרנסה טריקן ברויט, ער גיט ענק פרנסה לחם חום, ער גיט ענק די פרנסה עס זאל זיין גרינג און באַטעמ'ט דאס עסן.

**וועט** מען דאך פרעגן אבער די קשיא, ווי אזוי קען מען מאכן אזא נס, עס איז דאך דא א קללה פון בזעת אפיך תאכל לחם, עס דארף זיין בזעת אפיך. און אז עס איז בזעת אפיך, קען דאך נישט זיין אז פרנסה זאל זיין לחם חום, עס זאל זיין אזוי גרינג און באַטעמ'ט? האט דער אייבערשטער געזאגט, מען זאל נעמען דעם שלחן, און מען זאל עס לייגן אקעגן די מנורה, ואת המנורה נוכח השלחן, די מנורה דאס איז די תורה, נר מצוה ותורה אור. אז דו ווילסט אז דער שלחן זאל זיין לחם חום ביום הלקחו, דארף עס זיין מכוון אקעגן די מנורה. אויב דו וועסט אוועקגעבן דיין פלאג פאר די מנורה, וועסטו האבן דערפאר דעם שלחן, עס וועט זיין לחם חום. אבער אויב דו געבסט נישט אוועק דיין פלאג פאר די מנורה, וועסטו נישט האבן דעם לחם חום, ווייל עס איז דא א גזירה פון הימל, בזעת אפיך תאכל לחם.

**דער** אייבערשטער האט געוואלט, אז מען זאל זעהן אז דער אייבערשטער גיט פרנסה גרינגערהייט, און דער נס קען נאר פאסירן, ווען די מנורה וועט זיין נוכח השלחן, ווען דו געבסט אוועק דיין פלאג פאר די מנורה, דעמאלטס וועסטו זיך נישט דארפן פלאגן אויף דיין פרנסה. ווען מען גייט אהיים פון בית המקדש נאך יום טוב, מען גייט צוריק צו די ארבעט, האט מען געוויזן פאר די עולי רגלים, קוקסט אן דעם שלחן, מען קען האבן לחם חום ביום הלקחו, פרנסה קען מען האבן גרינגערהייט. אויב די מנורה וועט זיין נוכח השלחן, דו וועסט אוועקגעבן די צייט פאר תורה. וויפיל דו זיצסט אין בית המדרש און דו פלאגסט זיך אויף תורה, מען דארף אויפשטיין צופרי, מען לערנט תורה ביינאכט, דאס אלעס קומט אן מיט א עמל. אבער די פלאג וועסטו ממילא האבן שפעטער אין לעבן, דו קענסט עס יעצט פארמיידן. דורך די פלאג וואס דו געבסט אוועק פאר תורה, וואקסט מען אויס א תלמיד חכם, פארדינט מען איין זאך. און צווייטנס, עס נעמט אוועק פון די פלאג פון די פרנסה שפעטער. אויב דו ווילסט זיך נישט פלאגן יעצט, האסט א בחירה, אבער שפעטער באצאלט מען עס טייער! מען פארלירט די תורה וואס מען וואלט געקענט זוכה זיין, און דעם פלאג וועסטו ממילא האבן ערגעץ אנדערש. אנו עמלים והם עמלים, אבער אנו עמלים ומקבלים שכר, אויף אונזער עמל באקומט מען שפעטער שכר. דער אייבערשטער נעמט אוועק דעם עמל פון עולם הזה, וועגן דעם עמל פון תורה. דאס איז דער ראו חיבתם לפני המקום, דאס איז די חיבה פון יודען ביים אייבערשטען.

*

**שפעטער** פרעגט די גמרא, וואס איז די קשיא פארוואס עס איז מקבל טומאה, ותיפוק לי משום ציפוי, דער שלחן איז דאך געוועו מצופה מיט זהב, און די הלכה אז א כלי עץ העשוי לנחת איז נישט מקבל טומאה איז נאר ביי כלי עץ, אבער א זאך וואס איז צוגעדעקט מיט זילבער, אדער מיט גאלד, האט עס נישט די הלכה פון א כלי עץ העשוי לנחת. ביי יעדע טומאה גייט מען נישט לויט די זאך אליין, נאר מען גייט לויטן ציפוי, ווי אזוי עס איז צוגעדעקט. אמאל קען זיין אז די זאך אליין איז נישט מקבל טומאה, אבער אויב די ציפוי דערפון איז מקבל טומאה, האט די כלי דער דין אזוי ווי די ציפוי. אמאל איז עס לחומרא, און אמאל עס איז לקולא. אמאל קען זיין אז די כלי אליין וואלט מקבל טומאה געוועו, אבער די ציפוי דערפון איז נישט מקבל טומאה, איז די כלי נישט מקבל טומאה. - איך האב נישט געזעהן אויפן פלאץ שטיין, פון וואו עס נעמט זיך די הלכה אז עס ווענדט זיך אין די ציפוי. פארוואס זאל זיין אז מען מעסט נישט די כלי אליין, נאר מען מעסט מיט וואס מען האט דאס צוגעדעקט. מסתמא איז עס א הלכה למשה מסיני. - פרעגט די גמרא, דא איז דאך

אויך די ציפוי פונעם שלחן געווען פון מתכת, דארף דאך עס מקבל טומאה זיין?

**זאגט** די גמרא, ניין, אפילו איבעראל גייט מען נאכן ציפוי, אבער ביים שלחן וואלט מען נישט געגאנגען נאכן ציפוי, ווייל רחמנא קרייה עץ, דער פסוק (יחזקאל מא-כב) רופט אן דעם שלחן אז דאס איז שלחן פון עץ. דער ציפוי איז דאך נישט געווען פון עץ, איז א סימן אז מען רעכנט זיך נישט דא מיטן ציפוי, מען רעכנט זיך מיטן עץ. מען זאגט נישט, אז פון דא זאל איך אראפלערנען אויף ערגעץ אנדערש, אז מען רעכנט זיך נישט מיטן ציפוי. נאר מען זאגט אז אלעס האט צו טון מיט ציפוי, מען רעכנט נישט די זאך אליין, נאר דא איז א אויסנאם, איך האב א פסוק, אז עס ווערט גערעכנט לויט די זאך אליין, און נישט לויטן ציפוי. וואס איז דער ענין אז יעדע זאך רעכנט מען לויטן צודעק, און ביי דעם שלחן האט מען זיך נישט גערעכנט מיטן צודעק, מען האט זיך גערעכנט מיטן שלחן אליין וואס איז געווען פון עץ. אין אלעם ליגט דאך א מוסר השכל.

**א** מענטש קען אסאך מאל מיינען, רחמנא לבא בעי (רש"י סנהדרין קו:), און דאס איז דער אמת, דער עיקר פון א מענטש איז זיין פנימיות, דאס הארץ צום אייבערשטען, זיין אהבת ה', זיין יראת ה'. חיצוניות איז חיצוניות, עס איז נאר פון אינדרויסן. און וועגן דעם איז מען זיך אסאך מאל מקיל אין געוויסע זאכן וואס האט צו טון מיט חיצוניות, ווייל עס איז דאך נאר חיצוניות, עס איז דאך נישט דער מענטש אליין.

**אבער** עס איז נישט אינגאנצען אזוי. **דאס חיצוניות איז משפיע אויפן פנימיות פון א מענטש. ווי אזוי א מענטש גייט אנגעטון אין חיצוניות, און וואו ער דרייט זיך אין חיצוניות, דאס איז משפיע שפעטער אויפן מענטש ווי אזוי ער וואקסט אויס.** יודען זענען געווען אין מצרים, און זיי זענען ארויסגעקומען א הייליג פאלק פון מצרים, אן קיין תורה. עס איז געווען עבודת הפרך, און קיינער איז נישט נכשל געווארן די אלע יארן וואס מען איז געווען אין מצרים. אין מדרש (ויק"ר לב-ה) שטייט, פארוואס איז מען ארויסגעקומען פון מצרים, שלא שינוי שמם לשונם ומלבושם. די אלע דריי זאכן איז נישט קיין מצות עשה מן התורה, און די אלע זאכן זענען נישט קיין פנימיות, עס איז אלעס חיצוניות. מען איז געגאנגען אנגעטון אזוי ווי א יוד גייט אנגעטון. דער מצרי האט אויסגעקוקט אזוי, און ער גייט אנגעטון אנדערש ווי דער מצרי. ער רעדט נישט די שפראך וואס דער מצרי רעדט. ער רופט זיך נישט מיט דעם נאמען וואס דער מצרי האט גערעדט. עס האט אים אפגעזונדערט פונעם גוי. די חיצוניות וואס א מענטש גייט, טוט אים אפזונדערן פון די סביבה וואו ער איז, און דורכדעם איז מען געבליבן יודען. דורכדעם האט כלל ישראל געקענט ארויסקומען הייליגערהייט.

**ווען מען וואלט געזאגט, אלעס איז דאך תלוי אין פנימיות, וואס איז א נפקא מינה ווי אזוי מיין רעקל קוקט אויס, וואס איז א נפקא מינה וואס פאר א שפראך איך רעד, דער עיקר איז, אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, מען דארף דינען דעם אייבערשטען. דער איז א גוי, און איך האב נישט מיט אים גארנישט. עס וואלט נישט געארבעט. ווייל מיט די צייט, אז מען איז נישט אפגעזונדערט אין חיצוניות, ווערט מען נמשך אינעם פנימיות אויך. און וועגן דעם האט מען אלץ מקפיד געווען ביי ערליכע יודען אויף די מלבושים, אז מען זאל נישט גיין אנגעטון ווי דער גוי גייט אנגעטון, נישט נאכגיין נאך די מאדעס פונעם גוי. א קאפל וואס מען טוט אן, איז נישט קיין צוויי סלייס"ס קאפל, אדער דריי, איך קען נישט פונקטלך די מאס דערפון. נאר א קאפל וואס דעקט צו דעם רוב פונעם קאפ. מען גייט נישט מיט קיין קאפל אויפן שפיץ קאפ. די שיך ווי אזוי עס זאל אויסקוקן. נישט ווייל יעצט איז די מאדע פון די שיך צו גיין שפיציג, גייט ער שפיציג וכדומה. ער גייט נישט מיט קיין שמאלע הויזן. דאס איז אלעס נישט קיין הלכות אין די תורה, אבער דאס שטעלט אוועק דעם מענטש. וואו ביסטו? מען האט אייביג געקוקט זיך צו חבר'ן נאר אין א חברותא פון ערליכע יודען. מען קען זיין א ערליכער יוד איבעראל, מען קען דינען דעם אייבערשטען אפילו אין א מדבר אויך, אבער אז דו ביסט צוזאמען מיט היימישע יודען, איז עס משפיע! עס מאכט א רושם אויף דיר! ווען דו גייסט אנגעטון מיט א חסידישע בגד, אפילו דו ביסט א שוואכער בחור, א שוואכער יונגערמאן, וכדומה, אבער עס האלט דיך אין די ראמען, עס האלט דיך ערגעץ, דו ביסט אין א חברותא. ווען דאס האסטו אויך נישט, איז נישט דא א זאך וואס זאל דיך האלטן.**

**די** תורה האט אונז געוואלט לערנען, אז אמאל קען זיין א כלי, וואס די כלי פאר זיך איז א טהור'ע כלי, עס איז נישט מקבל טומאה. אבער טאמער דער ציפוי אינדרויסן איז מקבל טומאה, איז עס משפיע אויף אינעווייניג אויך, און ער איז מקבל טומאה. פארקערט, אמאל קען זיין א כלי וואס בעצם איז ער מקבל טומאה, אבער זיין חיצוניות, זיין ציפוי וואס ער איז צוגעדעקט, איז נישט מקבל טומאה, בלייבט ער א טהור'ע כלי. ווייל די חיצוניות ווי אזוי א יוד פירט זיך, איז משפיע שפעטער אויף זיין רוחניות.

**וועגן דעם דארף מען אלץ אכט געבן, ווי מער מען קען זיך אין חיצוניות מדבק זיין צו ערליכע יודען, צו א היימישע חברותא, און א גוטע חברותא, דארף מען עס אויסנוצן. ווייל אויב עס הייבט אן צו פעלן אין חיצוניות, מען זאגט טאקע דער עיקר איז פנימיות, אבער עס בלייבט נישט ביי דעם, ווייל ווי אזוי א מענטש פירט זיך אינדרויסן, זיין ארום און ארום איז משפיע אויפן מענטש.** ביי קבלת טומאה האט די תורה אונז געלערנט, קוק נישט וואס די פנימיות איז, קוק וואס זיין חיצוניות איז, וועסטו וויסן צו עס איז מקבל טומאה צו נישט. אויב זיין ציפוי איז נישט מקבל טומאה, איז ער טהור. און אויב זיין ציפוי איז מקבל טומאה, איז ער טמא.

**עס** איז אבער דא איין זאך, וואס עס ווענדט זיך נישט קיין סאך אין חיצוניות, עס ווענדט זיך אינעם פנימיות. ווען א מענטש זעצט זיך אראפ עסן, עס קענען זיצן צוויי מענטשן ביי דעם זעלבן טעלער, און ביידע עסן דעם זעלבן מאכל, און איינער קען נאך עסן א שוואכער מאכל, און איינער א בעסער מאכל, אבער עס ווענדט זיך ווי אזוי מען עסט עס. אויב דער פנימיות איז פארן אייבערשטען, ווייל א יוד דארף האבן כח צו דינען דעם אייבערשטען, איז ער מעלה דאס עסן אז עס ווערט א שלחן לפני ה'. די גמרא (חגיגה כז.) ענדיגט דאך מיט דעם, אז בזמן שבית המקדש קיים, מזבח מכפר על אדם, עכשיו שלחנו של אדם מכפר עליו, רש"י טייטשט, אז עס גייט ארויף אויף אורחים וואס מען ברענגט אין שטוב. אבער אין הייליגע ספרים שטייט, א יעדער שלחן איז לפני ה'. ווען א מענטש עסט, איז דער שלחן לפני ה', עס איז אזוי ווי א מזבח. און עס האט א ראיה אין הלכה אויך, עס איז נישט קיין חסידישער ענין, להלכה דארף מען אראפלייגן זאלץ אויפן טיש (שו"ע או"ח קסז-ה). זאלץ נעמט זיך פון על כל קרבנך תקריב מלח (ויקרא ב-יג), אין בית המקדש האט מען געדארפט ארויפלייגן זאלץ אויף א יעדע קרבן, און דאס עסן איז אזוי ווי א קרבן. אז מיין עסן איז א קרבן, דארף עס האבן מלח אויפן טיש. זעהט מען אז אין הלכה איז אויך אויסגעהאלטן אזוי.

**ווען** עס קומט צו דעם שלחן, דארט קוקט מען נישט אויפן ציפוי, דארטן קוקט מען וואס עס טוט זיך אינעווייניג. ביים עסן ווענדט זיך עס, ווי אזוי עס איז דער פנימיות, ווי אזוי זיין אינעווייניגע כוונה איז, מען קוקט נישט וואס ער האט געגעסן. איינער קען עסן אמאל פיינע מאכלים, אבער אויב ער מיינט עס ערליך, ער זאל האבן כח צו דינען דעם אייבערשטען, און עס זאל קענען ארויסקומען דערפון א כבוד שמים, האט עס א חשיבות אפילו עס איז א גוט מאכל. עסט ער א שוואך מאכל, אבער ער עסט עס נאכצוגיין נאך די תענוגים, דעמאלטס איז עס נישט קיין שלחן לפני ה'.

**מען** זאגט נאך אויף איינע פון די צדיקים, ער איז אמאל אריינגעגאנגען אין די סוכה, און ער האט געפאסט א גאנצן טאג פאר דעם, ער האט נישט געהאט וואס צו עסן, און אויף יום טוב האט מען צוגעגרייט. און ער האט זיך געזעצט עסן, און עס האט אים זייער געשמעקט דאס עסן, ער איז שוין געווען הונגעריג פון פאר יום טוב. האט ער זיך אנגערופן, און ער האט געזאגט אויף זיך, 'א יוד דארף זיצן אין די סוכה, אבער נישט זיצן אין דעם שיסל'. - ביים שלחן, דארט האט דער אייבערשטער געוויזן, אז מען קוקט נישט אויף די חיצוניות. דער שלחן ווערט אנגערופן עץ, און נישט אויפן ציפוי. ווייל ביי דער שלחן לפני ה', דארף די פנימיות וואס מען עסט, זיין לשם שמים.

*

**מען** האט געענדיגט יעצט מסכת חגיגה, מען הייבט אן מסכת הוריות. עס איז א קליינע מסכתא, די מסכתא האט אין זיך א מעלה, עס איז פון די קלענסטע מסכתות וואס איז דא, עס האט אינגאנצן צוועלף דרייצן בלאט. און אז מען לערנט זיך איינמאל אויס די מסכתא, און מען קען עס גוט, איז ווען מען דארף אמאל האבן א סיום, צו א יארצייט וכדומה, ביז א פאר שעה קען מען אדורכגיין די גאנצע מסכתא.

עס זענען געווען ערליכע יודען וואס האבן נישט געגעסן נאר מיט א סיום מסכת, מען קען נישט אדורכלערנען מסכת שבת, מסכת בבא בתרא, אבער מסכת הוריות, אז מען קען די מסכתא, איז עס גרינג אדורכצוגיין. עס איז נאך א טעם פארוואס מען זאל מיטהאלטן די מסכתא, ווייל עס וועט צונוץ קומען אין לעבן. אז מען וועט וועלן עסן פלייש אין די ניין טעג, זאל ער קענען עסן, ער איז מסיים א מסכתא.

**עס** איז ב"ה געווען א שיינער זומער, מען האט נאך נישט געענדיגט, אבער מען האלט שוין ביים צווייטן העלפט. איך וויל ארויסברענגען מיין הכרת הטוב פאר די בחורים, איך האב געהאט א געוואלדיגן תענוג צו זיצן דא צוזאמען דעם גאנצען זומער אינאיינעם, און איך האף מען וועט עס ווייטער ממשיך זיין. איך האב ב"ה נישט געהאט קיין שום שברי לב און קיין חלישת הדעת, מען זאל זאגן אויף א בחור אז ער האט געטון עפעס א זאך וואס מען האט נישט געדארפט צו טון. דאס דאווענען ב"ה, מען דאווענט הויך, און מען דאווענט ערליך, מען דאווענט שטאט, עס איז באמת א שיינע מחזה צו זעהן ווי אזוי די בחורים דאווענען. אמאל קומען אריין בעלי בתים, און זיי דאווענען דא מיט, און זיי קומען צו נאכן דאווענען און זאגן מיר, אז זיי זענען נתפעל ווי אזוי די בחורים דאווענען. דאס לערנען זעה איך דאך אליין, ב"ה מען זיצט און מען לערנט פלייסיג. כאטש מיינע שעות זענען נאכמיטאג, ווען מען איז שוין אויסגעמוטשעט פון כמעט א גאנצן טאג לערנען, פון דעסטוועגן דאך פלאגט מען זיך, און מען לערנט, און מען קען. עס איז חודש אלול, מען דארף עס אנהאלטן ווייטער, וביתר שאת. יעצט איז די צייט וואס מען קלויבט זיך צוזאם וואס מען האט געלערנט א גאנץ יאר, זעהן ווייטער ממשיך צו זיין צו קענען מסכת נדרים, און אויסנוצן די צייט פאר תורה און עבודת ה'.

**עס** קומט באמת א יישר כח פאר אלע וואס זענען אינעם צוות פון די ישיבה, זיי לייגן אריין אויסערגעוועונליכע כוחות, וואס איך זעה יעצט זומער פון דער נאנט, מער ווי מען זעהט עס א גאנץ יאר. דער באשעפער זאל געבן ווייטער אויך לאנגע געזונטע יארן, זיי זאלן קענען מרביץ תורה זיין מיט נחת און הרחבת הדעת. און פאר אונז אלע זאל דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען זיצן באהלה של תורה מיט הרחבת הדעת. אונז זאל מיר זוכה זיין, אז אונזער בזעת אפיך תאכל לחם זאל זיין אין תורה, און וועגן דעם וועט דער אייבערשטער באצאלן אז עס זאל זיין לחם חום ביום הלקחו, אז די אנדערע לחם זאלן גרינג אנקומען. דער אייבערשטער זאל געבן, אונז זאל מיר געבענטשט ווערן מיט א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***<u>שבת קודש פרשת שופטים</u>***

אחר התפלה התקיים קידושא רבא לרגל היארצייט של האשה החשובה מרת קיסנער ע"ה (ממאנטריאל, אחות הרבנית מוואדקערט ע"ה, חמותו של **רבינו שליט"א**), שלא הניחה זרע של קיימא.

כשעה וחצי אחר הבדלה ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק בעל חידושי הרי"ם זי"ע** (מתוך הספר מאיר עיני הגולה). בברכת המזון נתכבד הר"ר **אשר יעקב מענצער** הי"ו.

***<u>וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):</u>***

**עס** איז די וואך פרייטאג (י"ב אלול) די יארצייט פונעם **רבי ר' בונם פון פרשיסחא**. ווען דער רבי ר' בונם איז נסתלק געווארן, האבן זיך די חבריא צוטיילט אויף מערערע ערליי גרופעס, און יעדע גרופע האט אויפגענומען א אייגענעם מנהיג. א חלק זענען געבליבן אין פרשיסחא ביים זון **רבי אברהם משה פרשיסחא'ער**, ער האט נישט מאריך ימים געווען, ער איז אוועק צוויי יאר נאכן פאטער. א גרויס חלק איז אריבערגעגאנגען צו **רבי מענדעלע פון קאצק**, ער האט געוואוינט דעמאלטס אין טאמאשוב, די זענען געווען די שארפערע חסידים. די מער מעסיגע זענען אריבערגעגאנגען צו **רבי איציקל ווארקער**, ער האט נאכנישט געוואוינט אין ווארקע דעמאלטס, אבער די חבריא האט אים אויפגענומען אין פרשיסחא אליין. דער **חידושי הרי"ם** האט ממשיך געווען קיין קאצק, ער איז געפארן צו רבי מענדעלע.

*

**רד.** סיפר חסיד ישיש נאמן ששמע מאת **הרה"ק רבי ישעיה מושקאט זצ"ל** מפראגא, כי בעת אשר דרשו ממנו

גדולי החסידים, כי יען שהוא ידידו של רבינו, יתאמץ להטות לב רבינו שלא יעשה מעשים בפועל להפיץ תורתו של **הרה"ק מקאצק**. ויען הרה"ק רבי ישעיה כי הוא לא ינסה כלל לדבר עמו מזה, כי ברור בעיניו שלא יפעול אצלו כלל. אחר אשר נודע לו עד כמה גדול וקדוש בעיניו הרבי מקאצק, כי עוד בימי חיי רבם מפרשיסחא הגיד רבינו פעם אחת להרה"ק רבי ישעיה מושקאט, כי צ"ט חלקים מהטעמים שהנהו נוסע לפרשיסחא הוא, יען כי הוא יודע שהרה"ק רבי מענדעלע מטאמשוב הנהו שם, והנהו משתוקק להתראות אתו ולדבר עמו.

**ואמר רבינו:** די נקודת הדברים וואס מען נעמט ארויס פון דעם איז, אז ווען מען פארט צו א צדיק, איז נישט אייביג פארט מען כדי מען זאל זיך אפלערנען פון דעם צדיק אליין, פון זיינע דרכים, מען לערנט זיך אסאך פון די חבורה וואס קומט זיך צוזאם ביי דעם צדיק. דעם רבי'ן זעהט מען נאר ביים טיש, מען זעהט אים נאר פון צייט צו צייט, אבער די חבורה וואס איז דארט, מיט די זיצט מען צוזאמען די גאנצע צייט, און מען לערנט זיך אסאך איינער פונעם אנדערן. דער **חידושי הרי"ם** האט געזאגט, נישט ער האט געוואלט גרעסער מאכען דעם רבי מענדעלע פונעם רבי ר' בונם, נאר ער האט געזאגט, אז דאס וואס ער פארט צו זיין רבי דער רבי ר' בונם, איז נישט נאר זיך צו לערנען פון זיין רבי, דער עיקר וואס ער פארט איז ווייל דארט וועט ער זיין מיט ר' מענדעלע צוזאמען, און ער וועט זיך אסאך קענען לערנען פון די חבורה וואס איז דא ארום און ארום.

**דער ערוגת הבשם** שרייבט אין זיין צוואה **הכנה דרבה** (אות ג'), זאגט ער אן פאר די קינדער, אז זיי זאלן יעדע יאר פארן צו א צדיק, ער שרייבט נישט צו וועלכען צדיק מען זאל פארן, אבער זיי זאלן פארן נאר צו אזא צדיק, וואס די חבריא ארום זענען דערהויבענע יודען. ווייל מען לערנט זיך אסאך פון די חבריא, מער ווי פונעם רבי.

**עס** איז נוגע אין א ישיבה אויך די זעלבע, עס איז דא דער ראש ישיבה, און עס איז דא די חבורה פון ארום און ארום. מען לערנט זיך אסאך מאל מער פון די חבורה ארום און ארום, עס איז אסאך מאל מער משפיע, ווי דער ראש ישיבה איז משפיע. אסאך מאל מאכט זיך א שאלה וואס איז וויכטיגער, וואס איז חשוב'ער, צו מען זאל גיין צו א ראש ישיבה וואס איז א גרויסער ראש ישיבה, אבער די חבורה איז שוואך, צו מען זאל גיין אויף א פלאץ ווי דער ראש ישיבה איז נישט אזוי גרויס, אבער די חבורה איז א גוטע חבורה. ווייל דאס וואס מען לערנט זיך פון די חבריא ארום און ארום, לאזט איבער א גרויסן רושם.

*

**רז. הרה"ק מווארקא זצ"ל** בהיותו מפורסם במדת אהבת ישראל, השקיע עצמו ראשו ורובו בעניני הכלל, וישב איזה שבועות בווארשא לצורך ענינים אלו, הן לדפוק על פתחי נדיבים, והן להשתדל אצל שרי הממשלה להיטיב לישראל. ולאשר כי רבינו היה תושב עיר ווארשא, היה שמו גדול ונכבד בין רוזני העיר, לכן עמל הרה"ק מווארקא להמשיך את רבינו אל רצונו הטוב, שיעבוד עמו יחד עבודת הקודש הלזו, ורבינו שמע לדבריו, ועסק עמו יחד כל מעשיו. ובכמה דברים החשובים הנוגעים לכלל ישראל, לא רצה רבינו לעשות על דעת עצמו, ונתייעץ בעצת **האדמו"ר מקאצק זי"ע**, ועל ידי זה נתעוררה אהבה הישנה בין האדמו"ר מקאצק ובין הרה"ק מווארקא. ואף כי בין כיתות חסידי קאצק וחסידי ווארקא היה פירוד, וכמה פעמים באו למחלוקות שונות, אבל בין רבותיהם שררה אהבה גדולה וכריתת ברית של ידידות נאמנה, ובכל שנה נסע הרה"ק מווארקא לקאצק על שבת קודש. וכאשר נחלית הרבנית מקאצק, והיתה נצרכת לדרוש ברופאים הגדולים שבווארשא, הובילו אותה לעיר ווארקא, והיתה שם ערך ששה שבועות בבית הרה"ק מווארקא, וגם בעלה האדמו"ר מקאצק בא לווארקא והתעכב שם, עד אשר נפטרה לבית עולמה שם בעיר ווארקא.

**והוסיף רבינו:** עס איז דא א ווארט, אז עס שטייט ביי אברהם אבינו, ויהי ריב בין רועי מקנה אברם, ובין רועי מקנה לוט, די רועים פון אברהם מיט די רועים פון לוט האבן זיך געקריגט. און אברהם האט געזאגט פאר לוט, אל נא תהי מריבה ביני ובינך וגו', הפרד נא מעלי (בראשית יג-ז). די חסידים האבן זיך געקריגט, די רועי מקנה אברם מיט די רועי מקנה לוט. האט אברהם אבינו געזאגט פאר לוט, אז די מחלוקת וועט באלד אנרירן צווישן מיר מיט דיר אויך. די חסידים דרייען נאכדעם אריין אויך דעם רבי'ן אין די מחלוקת. אל נא תהי מריבה ביני ובינך, עס איז גענוג אז עס איז דא א ריב צווישן די רועי מקנה אברם מיט די רועי מקנה לוט, אבער מען דארף זעהן אז עס זאל נישט ווערן יעצט א מריבה

ביני ובינך, צווישן מיר און דיר. הפרד נא מעלי, לאמיר זיך צוטיילן, דו וועסט גיין רעכטס און איך וועל גיין לינקס, צו פארקערט, אזוי וועט מען קענען זיין בשלום. - די זעלבע ברענגט ער צו דא, אז די רבי'ס אליין האבן זיך פארטראגען, כאטש ביי די חסידים איז געווען חילוקי דעות.

*

**רכא.** אחותו של רבינו היתה נשואה **להרה"ג רבי יחיאל משה ז"ל**, והוא היה רב בעיר גראדזיסק, ואחר פטירתו באו נכבדי העיר גראדזיסק לרבינו והציעו לו הרבנות בעירם, ועל ידי זה יוכל להיות גם להלאה הספקה בעד אחותו הרבנית האלמנה לתת טרף לביתה. ולגודל הרחמנות על האלמנה והיתומים נעתר רבינו לבקשתם, וקיבל מהם כתב הרבנות. והתנה עמהם כי על פיו יתמנה דיין שם בעירם, והוא יבוא פעם אחת בשנה לעיר גראדזיסק, למען לעשות התיקונים בענינים הנצרכים. וכה התנהג הדבר זמן ארוך, שאנשי העיר גראדזיסק החזיקו אותו לרב שלהם.

אחר כמה שנים אחר פטירת **הרה"ק ממאגלניצא** כאשר רוב חסידי מאגלניצא קיבלו את בנו **הרה"צ רבי אלימלך** לרבם, הציעו לפניו שישים משכנו בעיר גראדזיסק, וכמה מאנשי העיר נתרצו לעטרו גם בכתר הרבנות אצלם, כי זה הרבה שנים אשר לא היה להם רב בעירם, רק המו"צ אשר נתמנה מאת רבינו. לכן החליטו להודיע מזה לרבינו כי מעתה יקבלו לעירם רב קבוע, ומן פרנסת האלמנה לא נגרע דבר. אבל לא הרהיבו עוז בנפשם לעשות מעשה ולכתוב ולהודיע מזה לרבינו, אך אחד מאנשי העיר אימץ את לבבו, והתנדב להיות שליח לדבר הזה, ונסע לעיר ווארשא לרבינו, והודיעו החלטת אנשי העיר, כי קשה להם מאוד להיות בלעדי רב יושב על מדין שוכן בעירם. רבינו בשמעו הוציא את כתב הרבנות מאמתחתו, ונתנה תיכף ליד האיש, ונסע לביתו בחזרה. ופתאום נחלה ל"ע וניטל ממנו כח ידו ורגלו, ונשאר בעל מום עד יום מותו רח"ל.

**והוסיף רבינו:** מען ברענגט צו, אז דער **הייליגער קאמארנער זי"ע**, האט געדרוקט זיינע ספרים היכל הברכה בחייו, אין זיינע ספרים זענען דא דברים פלואים ונפלאים. ער האט געדרוקט דעם ספר אין לעמבערג, און אין די צייט וואס מען האט געדרוקט דעם ספר, האט דער הייליגער קאמארנער זיך אריינגעצויגן קיין לעמבערג, כדי ער זאל זיין נאנט דארט ביים דרוקן, ווען מען דארף מגיה זיין, מען זאל נישט דארפן טראגען און ברענגען פון איין פלאץ אויפן אנדערן פלאץ, און ער איז איינגעשטאנען ביי א יוד דארט אין לעמבערג.

**דער** יוד איז געווען א צאנזער חסיד, און ער פלעגט צו פארן פון צייט צו צייט צום **דברי חיים** קיין צאנז. און ווען דער קאמארנער איז דארט געווען אויף אפאר וואכען, איז ער אויך איין שבת געפארן קיין צאנז. און ער האט פארציילט פארן צאנזער רב אז ער האט א גאסט ביי זיך אין שטוב, דער הייליגער קאמארנער, ער דרוקט דארט דעם חומש היכל הברכה, און ער שטייט איין ביי אים. דער צאנזער רב האט געהאט עפעס אקעגן דעם ספר פונעם קאמארנער, און ער זאגט פאר דעם יוד, איך בעהט דיך ווען דו פארסט אהיים, זאג פארן קאמארנער אין מיין נאמען, אז איך ראהט אים ער זאל נישט דרוקן דעם ספר.

**דער גארליצער רב** איז געווען א זון פונעם דברי חיים, און ער איז פונקט געווען אין שטוב, און הערט ווי אזוי דער פאטער זאגט פאר דעם יוד אז ער זאל זאגן פארן קאמארנער ער זאל נישט דרוקן זיין ספר. ווען דער יוד איז ארויסגעגאנגען, איז אים דער גארליצער רב נאכגעגאנגען, און ער פרעגט אים, וואס פלאנסטו צו טון. זאגט ער אים וואס איז טייטש וואס איך פלאן צו טון, דער רבי האט דאך געהייסען אז איך זאל זאגן פארן קאמארנער אז ער זאל נישט דרוקן זיין ספר. זאגט ער אים, פיין, אז דו ווילסט פאלגען דעם רבי'ן קענסטו געזונטערהייט פאלגען, אבער איך וויל דיך בעטן א טובה, אז פאר דו גייסט עס זאגן פארן קאמארנער, זאלסטו קודם גיין צו די חברה קדישא פון די שטאט, און דו זאלסט בעטן אז מען זאל דיר אויסקלויבן א גוטן פלאץ וואו מען זאל דיך אוועקלייגן, און נאכדעם קענסטו גיין זאגן... - פון איין זייט האט ער געדארפט פאלגען דעם רבי'ן, אבער דער גארליצער רב האט פארשטאנען אז דער קאמארנער וועט האבן חלישת הדעת, ווען ער וועט עס אים זאגן. האט ער אים געזאגט, אז דו ווילסט אים זאגן, קענסטו זאגן, אבער דו זאלסט וויסן, אז עס קאסט א פרייז. - ער האט צוגענומען די רבנות פונעם חידושי הרי"ם, האט ער געהאט א געוויסע חלישות הדעת, און עס האט געשאדט.